באנד 11, נומער 2

# געזונטהייט בולעטין

ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו העלט און מענטל היגיענע

#93 אין א סעריע פון געזונטהייט בולעטינס איבער טעמעס וועלכע זענען שטארק וויכטיג צו אל ניו יארקער

## הייבט אן קלוג:
## וואקסינירט



באשיצט אייערע קינדער פון ערנסטע קרענק.
אימיוניזירט אייער קינד.

NYC Health

Health Bulletin #93: Start Smart: Vaccinate (Yiddish)



- ווען די ראטעס פון וואקסינאציעס זענען נידריג, קענען די קרענק צוריקקומען און זיך שנעל פארשפרייטן.
- אין 2011 האט א מיזעלס אויסברוך אין אייראפע זיך פארשפרייט איבער 30 לענדער, און אנגעשטעקט מער ווי 26,000 מענטשן. די אויסברוך איז געקומען הויפטזעכליך צוליב נידריגע אימוניזאציע ראטעס.
- אין 2011, זענען כמעט 225 מענטשן אין אמעריקע געווארן אנגעשטעקט מיט מיזעלס, 25 בלויז אין ניו יארק סיטי, מערסטנס פון זיי קינדער און ערוואקסענע וועלכע זענען נישט וואקסינירט געווארן.

## 4 איז נישט קיין פראבלעם פאר מיין קינד צו באקומען אזויפיל וואקסינען אויף איין מאל?

- ניין. קינדער זענען אויסגעשטעלט צו טויזנטער באצילן יעדן טאג. די טויטע אדער אפגעשוואכטע באצילן אין די וואקסינען זענען זייער ווייניג קעגן די מיליאנען באצילן וואס קינדער דארפן אפשלאגן טעגליך.
- רעדט צו אייער קינד׳ס דאקטאר איבער קאמבינאציע וואקסינען, וועלכע באשיצן אנטקעגן מער ווי איין קרענק מיט אן איינצעלנע איינשפריץ. זיי קענען רעדוצירן די צאל איינשפריצונגען און דאקטאר וויזיטן וואס אייער קינד וועט דארפן.

## 5 איך האב געהערט אז ס׳איז מער זיכער אויסצולאזן געוויסע וואקסינען אדער ווארטן צו וואקסינירן מיין קינד. איז דאס ריכטיג?

- ניין. אויב לאזט איר אויס געוויסע וואקסינען אדער ווארט צו וואקסינירן אייער קינד, שטעלט איר אייער קינד אין געפאר. אייער קינד קען ווערן זייער קראנק אדער אפילו שטארבן פון אן ערנסטע קרענק וועלכע וואלט געקענט פארמיטן ווערן.
- קינדער זאלן באקומען די רעקאמענדירטע וואקסינאציעס ביי די ריכטיגע עלטער און צייטליך.

## אימוניזאציע טיפס פאר עלטערן

- ברענגט מיט אייער קינד׳ס אימוניזאציע קארטל צו יעדן דאקטאר וויזיט. דאס וועט אייך העלפן האלטן חשבון אויף אייער קינד׳ס רעקאמענדירטע וואקסינאציע.
- אויב ווייסט איר נישט וועלכע וואקסינען אייער קינד האט שוין באקומען, רופט **311** און בעט פאר די סיטיווייד אימיוניזעשאן רעדזשיסטרי (CIR). די CIR האלט חשבון פון וואקסינען וואס אייער קינד באקומט. אלע קינדער וואס זענען געבוירן אדער באקומען וואקסינען אין ניו יארק סיטי זענען איינגעשריבן אין די CIR.
- פאר אומזיסטע אדער ביליגע וואקסינאציעס, רופט **311**, אדער באזוכט **nyc.gov** און זוכט פאר**childhood immunizations**.

## אימוניזאציעס פאר יוגענטליכע

## אפט געפרעגטע פראגן

### 1 איך האב געהערט אסאך נעגאטיווע זאכן איבער וואקסינען. וויאזוי ווייס איך וואס צו גלייבן?

- ארגאניזאציעס אזויווי די ׳וואקסין ערציאונג צענטער׳ ביי די טשילדרענס האספיטאל און פילאדעלפיע (**vaccines.chop.edu**) און ׳עלטערן פון קינדער מיט אנשטעקיגע קרענק׳ (**pkids.org**), האבן פארלעסליכע אינפארמאציע.
- זייט סקעפטיש פון טענות אנטקעגן וואקסינען. פאלשע אדער פארפירערישע אינפארמאציע קען שנעל ארומפארן אויף די אינטערנעט, ספעציעל אין טשעט שטיבלעך.
- רעדט צו אייער קינד׳ס דאקטאר איבער סיי וועלכע אינפארמאציע וועלכע באזארגט אייך.

### 2 איך האב געהערט אז געוויסע וואקסינען קענען ברענגען אוטיזם. איז דאס אמת?

- ניין. וואקסינען *טוען נישט* ברענגען אוטיזם. אומצאליגע סייענטיפישע שטודיעס פון אמעריקע און איבער די גאנצע וועלט האבן נישט געטראפן קיין שום פארבינדונג צווישן אוטיזם און וואקסינען.
- פאר מער אינפארמאציע איבער אוטיזם, באזוכט **autismspeaks.org** אדער **autismsciencefoundation.org**.

### 3 פארוואס זאל איך אימוניזירן מיין קינד? איך האב געמיינט אז קיינער באקומט מער נישט די אלע קרענק.

- פילע קראנקהייטן ביי קינדער טרעפן זיך שוין מער נישט אפט צוליב וואקסינען. אבער די באצילן וועלכע ברענגן מערסטנס פון די קרענק זענען נאך דא. צווישן 2008 און 2011, זענען ארום 700 ניו יארקער קראנק געווארן יעריליך פון קרענק פארמיידבאר דורך וואקסינען.





# די בענעפיטן פון וואקסינירן אייער קינד

## וואקסינען העלפן באשיצן אייער קינד פון פילע שעדליכע קרענק.

- אימיוניזאציעס (וואקסינען אדער איינשפריצונגען) העלפן באשיצן אייער קינד פון פילע שעדליכע קרענק, אריינגערעכנט מיזעלס, מאמפס, שטארקע הוסט (פערטוסיס) און טשיקענפאקס. קינדער וועלכע זענען נישט וואקסינירט קענען ווערן זייער קראנק אדער אפילו שטארבן פון די קרענק.
- קינדער זאלן באקומען די רעקאמענדירטע אימיוניזאציעס ביי די ריכטיגע עלטער און צייטליך. ניו יארק סטעיט פארלאנגט אז קינדער זאלן ווערן אימיוניזירט אויב זיי גייען אין א טשיילד קעיר פאסיליטי אדער אין שולע.
- רעדטס מיט אייער קינדס העלט קעיר פארזארגער צו אויסגעפינען וועלכע וואקסינען אייער קינד דארף און ווען. צו טרעפן א פארזארגער אין אייער אומגעגענט, רופט **311**.

## וואקסינען העלפן באשיצן אנדערע.

- פולשטענדיג וואקסינירן אייער קינד העלפט באַשיצן יעדן איינעם, ספעציעל ניי געבוירענע און פיצלעך קינדער וועלכע זענען נאך צו יונג צו ווערן אינגאנצן וואקסינירט.

# וואקסינאציעס ביי יוגענטליכע: זיכער פאר אייערע קינדער

## וואקסינען זענען גאר זיכער. די בענעפיטן טוען שטארק איבערוועגן סיי וועלכע ריזיקעס.

- איידער א וואקסין ווערט באשטעטיגט פארן באנוץ גייט עס דורך יארן פון פראבעס. שטענדיגע אויפזיכט ווערט דערנאך געהאלטן אויף יעדע וואקסין פאר זיכערהייט, און צו זעהן ווי גוט עס ארבעט.
- די בענעפיטן פון וואקסינירונג איז פיל מער ווי סיי וועלכע געפארן. בעפאר וואקסינען זענען פיל מער מענטשן קראנק געווארן אדער געשטארבן פון די קרענק, ווי היינט.
- פאר די מיזעלס וואקסין זענען מער ווי 3 מיליאן מענטשן אין די פאַראייניגטע שטאַטן געווארן אנגעשטעקט מיט מיזעלס יעדעס יאר. 48,000 פון די זענען האספיטאליזירט געווארן, און ארום 450 זענען געשטארבן.
- ערנסטע סייד עפעקטס פון וואקסינען זענען זעלטן. די סייד עפעקטס זענען געוועגליך מילד, אזוי ווי ווייטאגן אויפן פלאץ פון די שטאך.



## מער אינפארמאציע

- ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו העלט און מענטל היגיענע: באזוכט nyc.gov און זוכט פאר childhood immunizations, אדער רופט 311
- צענטערן פאר דיזיעס קאנטראל ענדפריווענשאן: cdc.gov/vaccines אדער 800-CDC-INFO (800-232-4636)
- אמעריקען אקעדעמי אוו פידיאטריקס: aap.org
- וואקסין ערציאונג צענטער ביי די טשילדרענס האספיטאל אוו פילאדלעפיע: vaccines.chop.edu
- עלטערן פון קינדער מיט אנשטעקיגע קרענק: pkids.org
- אימיוניזעשאן עקשאן קאעלישאן: immunize.org
- עוורי טשיילד ביי טו: ecbt.org

**רופט 311**

**פאר קאפיעס פון סיי וועלכע געזונטהייט בולעטינען**

אלע געזונטהייט בולעטינען זענען אויך דא ביי nyc.gov , זוכט פאר Health Bulletins.

באזוכט nyc.gov/health/email פאר א פרייע אי-מעיל סאַבסקריפשאן.

באנד 11, נומער 2

# געזונטהייט בולעטין

ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו העלט און מענטל היגיענע

#93 אין א סעריע פון געזונטהייט בולעטינס איבער טעמעס וועלכע זענען שטארק וויכטיג צו אלע ניו יארקער

ניו יארק סיטי דעפארטמענט אוו העלט און מענטל היגיענע
New York City Department of Health and Mental Hygiene
Gotham Center, 42-09 28th Street
L.I.C., New York 11101-4134



הייבט אן קלוג: וואקסינירט

באשיצט אייערע קינדער פון ערנסטע קרענק.

רופט 311

פאר נאן-עמערדזשענסי ניו יארק סיטי סערוויסעס טעלעפאן איבערזעצונגען אין איבער 170 שפראכן

DIS691306Y – 5.12